אַרויסזאָגנדיק מיין מיינונג האָב איך אונטערשטראָכן, אַז איך רייד ניט אין נאָמען פון דער סיימפראַקציע און אַז די איבעריקע מיטגליד פון דער פראַקציע, וועלכע זיינען ניט רעליגיעז, מאַכן וואַרשיינלעך ניט קיין אונטערשייד צווישן רעליגיעזן רכוש און ניט־רעליגיעזן. איך אָבער, אַלס פאַרשטייער פון רעליגיעזן יידן, מוז פאָדערן, אַז די רעליגיעזע אינטערעסן זאָלן ניט געשעדיקט ווערן דורך דער אינסטרוקציע.

אין מיין געשפּרעך מיטן מיניסטער וועגן דער אינסטרוקציע האָב איך אַלזאָ נאָר פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די רעליגיעזע יידן, אַז זיי זאָלן ניט גענייטיקט ווערן צו זיין אין קהילות אָן קולט, און געשטאַנען אויפן אָפיציעלן שטאַנדפּונקט פון דער יידישער סיימפראַקציע, ווען אויך צוליב אַנדערע מאָטיוון, אַז מיר דאַרפן



נאַציאָנאַלע קהילות ניט גרינדן.

איך געפין, אַז אין די [דער] קהילות־פראַגע האָב איך דערפילט מיין פליכט צו פאַרטיידיקן די יידישע רעליגיעזע אינטערעסן ביי די באַדינגונגען, וועלכע האָבן זיך געשאַפן ניט צוליב מיין שולד און ניט צוליב די [דער] שולד, פון "אחדות". — און אַז איך האָב דערפילט מיין פליכט, האָב איך ניט געפונען פאַר נייטיק וועגן דעם צו אינפאָרמירן די יעניקע וועלכע, ווי איך בין איבערצייגט, האָבן געשיקט זייערע מענטשן דורך די [דער] הינטערטיר צו טאָן דאָס, פון וואָס זיי אַליין האָבן עפנטלעך זיך אָפּגעזאָגט — צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג. און, צו פירן זיי, ווען אויך ניט אין דעם נאָמען פון דער פראַקציע, הינטער דעם רוקן פון די איבעריקע מיטגלידער פון דער סיימפראַקציע.

III.

## שחיטה־פראַגע.

די סכנה, אין וועלכער עס איז געשטאַנען אין ליטע די יידישע שחיטה, איז דעם יידישן ציבור אין ליטע ניט באַוווּסט, ווייל אין די אינטערעסן פון די קרייזן, וואָס פירן אָן מיט די "אידישע שטימע", איז ניט געלעגן צו אינפאָרמירן — און ריכטיק צו אינפאָרמירן דאָס ליטווישע יידנטום. איך וויל דאָ מיטטיילן אייניקע אינטערעסאַנטע און לערערייכע פרטים, פון וועלכע מען קען זיך נעמען אַ מוסר־השכל.

אין סיים איז געווען אַריינגעטראָגן אַ געזעץ־פּראָיעקט, אַז די באַי־שחיטה גייען איבער אין דעם רשות און אונטער די [דער] השגחה פון לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטער.

אין דעם געזעץ־פּראָיעקט איז געווען אַ פונקט, וועלכער שטעלט פעסט, אַז די מעטאָדן און די אַרט פון שלאַכטן [שעכטן] בהמות מוז באַשטימט און באַשטעטיקט ווערן דורך דעם לאַנדווירטשאַפטס־מיניסטער, דאָס הייסט, אַז די יידישע שוחטים דאַרפן באַקומען די קבלה אויף שחיטה פון מיניסטער, וועלכער דאַרף זיי אָנווייזן ווי צו שלאַכטן [שעכטן].

דער געזעץ איז שוין פאַר דעם זומער 1925 אין דער צייט, ווען איך בין געווען אין טעלז, אָנגענומען געוואָרן אין צווייי לעזונגען, און איז אין האַרבסט 1925 ווייטער אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויפן סדר־היום.

צו דער דריטער לעזונג, גלייך ווי איך האָב באַקומען וועגן דעם די די פּאָוויעסטקע — דאָס איז געווען איין טאָג פאַר די [דער] דריט[ער] לעזונג — בין איך געווען אין די [דער] סיים־פראַקציע אום [כדי] צו דערגיין, צי עס איז באַצייטנס, — 48 שעה פאַר די [דער] דריטע[ר] לעזונג — אַריינגעטראָגן געוואָרן די נייטיקע אויסבעסערונג. לאָזט זיך אויס, אַז די אויסבעסערונג, וועלכע די סיימפראַקציע האָט געהאַט בדעה אַריינצוטראָגן, איז געלעגן מיט אַלע זעקס חתימות אין דעם ביוראָ פון דער סיימפראַקציע 3 מאָנאַטן און איז נאָך אין סיים ניט אָפּגעגעבן געוואָרן. מיט רחמים האָט מען זיך אײַנגעבעטן, אַז מען זאָל די אויסבעסערונג נאָך צונעמען.

די אויסבעסערונג, וועלכע די סיימפראַקציע האָט פאַרגעלייגט, איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דער גאַנצער פונקט וועגן די [דער] השגחה פון מיניסטער אויף דעם אָרט און די מעטאָדן פון שעכטן ווערט אויסגעמעקט.

אַז מען גיט אָן אַן אויסבעסערונג, און בפרט אין אַזאַ וויכטיקער פראַגע, דאַרף מען פריער אויפקלערן די לאַגע, אויב די אויסבעסערונג האָט שאַנסן דורכצוגיין.

דעריבער האָב איך נאָך דעם זעלביקן אָוונט געהאַט אַ געשפּרעך מיט אַ לידער פון די רעכטע פּאַרטייען אום [כדי] אויפצולקערן די פראַגע, ער האָט מיר געזאָגט, אַז די אויסבעסערונג פון דער יידישער סיימפראַקציע וועט געוויס ניט דורכגיין, ווייל דער מיניסטער מוז האָבן אַ השגחה ווי מען שעכט בהמות. מיר זיינען מיט אים געקומען צום הסכם, אַז אום [כדי] ניט צוצונעמען פון מיניסטער די השגחה אויף דעם אַלגעמיינעם שלאַכטן [שעכטן] פון בהמות און אין גלייכער צייט צו זיכערן די יידישע שחיטה, זאָל אַריינגעטראָגן ווערן אַן אויסבעסערונג, אַז דער פונקט וועגן דעם מיניסטערס השגחה איז ניט חל אויף די [דער] יידישע[ר] שחיטה, אָט די אויסבעסערונג האָט ער מיר פאַרשפּראָכן צו שטיצן.

10 אַ זייגער ביי נאַכט, האָב איך די נייטיקע אויסבעסערונג אויסגעאַרבעט, באַקומען 6 יידישע חתימות און אויף מאָרגן אין דער פרי אָנגעגעבן אין סיים.

כדי מיר געבן די מעגלעכקייט אַריינצוטראָגן די אויסבעסערונג 49 שטונדן [שעה] פאַר דער דריטער לעזונג, איז לויט מיין ביטע די פראַגע וועגן שחיטה, וועלכע איז געשטאַנען אויפן ערשטן פונקט, אַראָפּגענומען געוואָרן פון סדר־היום. מען האָט איר באַהאַנדלט אין אַ וואָך אַרום.

אין משך פון דער צייט האָבן די איבעריקע מיטגלידער פון דער יידישער סיימפראַקציע חרטה געקראָגן אויף דעם וואָס זיי האָבן געגעבן זייערע חתימות אויף דער אויסבעסערונג. אויב מען וועט די אויסבעסערונג אָפּוואַרפן, האָבן די געטענהט, וועט דאָס שטעלן די שחיטה אין סכנה.

איך האָב זייערע חתימות אַרויסגעקראָגן שפּעט אין דער נאַכט, זיי האָבן זיך איבערגעאיילט, און די גאַנצע אַחריות וואַרפן זיי אַרויף אויף מיר. אויף אַ זיצונג פון דער סיים־פראַקציע איז געשטאַנען אויפן סדר־היום די פראַגע וועגן אָפּציען זייערע חתימות פון דער אויסבעסערונג. נאָך אַ באַראַטונג וועגן דער פראַגע מיט די רבנים הגאונים פון קאָוונע און סלאָבאָדקע, איז געבליבן, אַז אויב די יידישע סיים־דעפּוטאַטן וועלן אָפּציִען זייערע חתימות, זאָל איך זיך ווענדן צו קריסטן און אַריינטראָגן די אויסבעסערונג וועגן יידישער שחיטה מיט קריסטלעכע חתימות.

די סיים־פראַקציע האָט אָבער באַשלאָסן די חתימות ניט צוריקצוציען דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיי שוין געגעבן, מיר איז אָבער אויסגעדריקט געוואָרן אַ פאַראורטיילונג דערפאַר וואָס איך האָב אַריינגעטראָגן די אויסבעסערונג.

ווי עס איז באַוווּסט איז די אויסבעסערונג אָנגענומען געוואָרן און די יידישע שחיטה איז איצט געזיכערט דורכן געזעץ.



## אומזאַץ־שטייער.

דער גרעסטער "חטא" מיינער איז געווען דאָס, וואָס איך האָב אַריינגעטראָגן דעם געזעץ־פּראָיעקט מבטל צו מאַכן דעם אומזאַץ־שטייער.

דאָס איז געווען דער לעצטער, וואַרשיינלעך דער גרעסטער טראָפּן, וואָס האָט פול געמאַכט דעם כוס פון מיינע זינד — נאָך דעם האָט מען מיר שוין בשום־אופן ניט געקענט פאַרטראָגן אין דער יידישער סיים־פראַקציע און מען האָט געמוזט מיר אויסשליסן.

מען האָט מיר צוגעשריבן די ערגסטע כוונות פון דער וועלט: אַז איך האָב געוואָלט דערמיט ברעכן די יידישע איינִיקייט, אַז איך האָב געוואָלט אַריינשטעקן אַ מעסער אין רוקן פון דער יידישער סיים־פראַקציע. און דעם ערשטן מאָל קומט מיר אויס צו הערן, אַז מען זאָל באַשטראָפן אַ מענטשן ניט פאַר זיינע מעשים, נאָר פאַר זיינע כוונות — דען אין זייערע אויגן איז דאָס אויסשליסן פון דער סיים־פראַקציע אַ שטראָף — אין מיינע ניט.

איך וויל דאָ דערפאַר גאַנץ אָביעקטיוו און קורץ — דען איך האָב שוין וועגן דעם געגעבן מיינע דערקלערונגען אין "קאָוונער צייט" — דערציילן די פרטים וועגן דעם געזעץ־פּראָיעקט.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז נאָך מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך געפאָדערט, אַז דער אומזאַץ־שטייער זאָל אַראָפּגענומען ווערן. ביים באַטראַכטן דעם בודזשעט פון 1926סטן יאָר איז די הכנסה פון אומזאַץ־שטייער אויסגעשטראָכן געוואָרן. דער געזעץ וועגן אומזאַץ־שטייער איז אָבער דורך דעם ניט בטל געוואָרן, און דער אומזאַץ־שטייער האָט געדאַרפט ווייטער אויפגעמאָנט ווערן פונקט ווי פריער.

אין אַ ריי געשפּרעכן, וועלכע איך האָב געהאַט מיט די לידערס פון די רעכטע פּאַרטייען, איז מיר געלונגען אויפצוקלערן, אַז אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגן מבטל מאַכן דעם אומזאַץ־שטייער האָט ביי די איצטיקע באַדינגונגען שאַנסן דורכצוגיין.

וויסנדיק ווי ווייט די רעכטע מערהייט פון סיים לאָזט זיך באַאיינפלוסן פון פּאָליטישע מאָמענטן, אַפילו אין עקאָנאָמישע פראַגעס, וויסנדיק אַז די באַציונג פון די רעכטע פּאַרטייען צו דער יידישער סיים־פראַקציע איז ניט קיין גוטע און ניט וועלנדיק צוליב פּאָליטישע טעמים מאַכן פון דער פראַגע אַ ספּעציעל יידישע פראַגע, האָב איך אַריינגעטראָגן אין סיים דעם געזעץ־פּראָיעקט מבטל צו מאַכן דעם אומזאַץ־שטייער. נאָר מיט 2 יידישע חתימות — מיינע און דעפּוטאַט ראַגינסקיס — און די איבעריקע נייטיקע 6 חתימות האָב איך גענומען ביי די דייטשן און ביי די רעכטע.

וועגן דעם, אַז איך טראָג אַריין דעם געזעץ־פּראָיעקט ניט מיט אַלע חתימות פון די מיטגלידער פון דער סיימפראַקציע האָב איך דער פראַקציע געמעלדעט 2—3 וואָכן פריער איידער איך האָב דעם געזעץ־פּראָיעקט אַריינגעטראָגן.

איך מוז דערקלערן דאָס וואָס ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, — אַז מיין איינציקע כוונה איז דערביי געווען — ביי די איצטיקע באַדינגונגען אויסצוקלייבן דעם

זיכערסטן אופן צו באַפרייען די יידישע באַפעלקערונג אין ליטע פון דעם אומזאַץ־שטייער.

די לעכערלעך־קינדישע און קליינלעכע העצע, וועלכע די יידישע סיים־פראַקציע האָט געפירט קעגן דעם געזעץ־פראָיעקט אין דער פרעסע און ביי דער אָפּאָזיציע, איז אַלעמען באַקאַנט. ניט קוקנדיק אויף דער העצע, איז דער געזעץ־פראָיעקט מבטל צו מאַכן דעם אומזאַץ־שטייער היינט אין אַלע דריי לעזונגען אָנגענומען געוואָרן.

די אַלגעמיינע ריכטונגס־ליניע פון מיין פּאָליטיק

איך וויל זיך איצט אָפּשטעלן אין אַלגעמיין אויף די [דער] פּאָליטיק, אָן וועלכער איך האָב זיך געהאַלטן אין סיים.

אַ דאַנק די אומאויפהערלעכע שקרים פון דער "אידישע שטימע" האָט זיך געקענט ביי דעם ליטווישן יידנטום בילדן אַ פאַרשטעלונג, אַז איך בין אין סיים געגאַנגען מיט די רעכטע, אַז איך האָב די רעכטע אונטערשטיצט מיט מיין שטימע, אַז איך האָב געמאַכט מיט זיי אַ קאָאַליציע, דאָס אַלץ איז אַבסאָלוט פאַלש. איז שקר־וכזב! אין זייער זעלטענע פאַלן האָב איך געשטימט פאַר אַ רעכטן פאָרשלאַג. אין דאָס רוב פאַלן האָב איך געשטימט קעגן די רעכטע פאָרשלאָגן און נאָר אין אייניקע פאַלן האָב איך זיך אָפּגעהאַלטן.

אויך דאַן ווען איך האָב זיך אָפּגעהאַלטן האָט דאָס ניט געהאַט קיין באַדייטונג פאַר די רעזולטאַטן פון דער אָפּשטימונג, וועלכע וואָלטן געבליבן די זעלביקע, ווען איך וואָלט אויך געשטימט קעגן.

אין סיים בין איך ניט געווען געבונדן ניט מיט דער פּאָזיציע און ניט מיט דער אָפּאָזיציע, איך בין געווען פריי צו שטימען און צו האַנדלען ווי איך וויל, און איך האָב געשטימט און געהאַנדלט אַזוי, ווי עס האָבן מיר דיקטירט די יידישע אינטערעסן. איך האָב זיך אין מיינע האַנדלונגען גערעכנט ניט מיט די אינטערעסן פון די רעכטע און ניט מיט די אינטערעסן פון די לינקע, נאָר מיט די יידישע אינטערעסן, וועלכע ווערן דיקטירט פון דעם איצטיקן מאָמענט. און אויב איך האָב מיט מיין פּאָליטיק ניט אויסגעפירט אַלץ, צו וואָס איך האָב געשטרעבט, איז דאָס געווען נאָר דערפאַר, ווייל איך בין געווען נאָר איינער — דער איינציקער אין ליטווישן סיים, וועלכער האָט געפירט אָט די זעלבשטענדיקע יידישע פּאָליטיק. און אין אַ פּאַרלאַמענט וווּ שטימען ווערן געציילט, און ניט געוויגן, איז איין שטים אַ צו קליינער כּוח, אום [כּדי] צו דערגרייכן אַלץ וואָס מען וויל. אָבער די פּראַקטיק האָט באַוויזן אַז אויך איין שטים קען עטוואָס דערגרייכן, אויב זי איז פריי, אויב זי ווערט געלייטעט נאָר דורך די אינטערעסן פון דעם צבור, וועלכער האָט זי געשיקט אין סיים.

ריידנדיק איבער די אויבן דערמאָנטע 4 וויכטיקסטע פראַגעס, וועלכע זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אין דער צייט פון מיין זיין אין סיים און וועלכע איך האָב גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סך פּרטים — די פּרטים זיינען אפשר צו קליין, אום וועגן זיי צו ריידן. אָבער קליינע פּרטים און



אַ סך אַנדערע, וועלכע איך האָב ניט דערציילט, אָבער וועלכע זיינען ניט וויניקער אינטערעסאַנט, כאַראַקטעריזירן די אינערלעכע אַטמאָספער, וועלכע האָט געהערשט אין דער סיים־פראַקציע און אין וועלכער מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן.

האַבנדיק צו קעמפן פון איין זייט מיט פיינדלעכע אויסערלעכע כּוחות פאַר די אינטערעסן פון ליטווישן יידנטום, און פון דער אַנדערער זייט — מיט די דיקטאַטאָרישע אומטאָלעראַנץ און קליינלעכע נגישות פון מיינע "חברים" — האָב איך פאַר זיך געהאַט נאָר איין ציל, וועלכער האָט געלייטעט אַלע מיינע האַנדלונגען און פון וועלכע איך בין ניט אָפּגעטראָטן ניט רעכטס און ניט לינקס — דאָס איז געווען דער ווילן צו דערפילן מיין פליכט אַלס פאַרשטייער פון ליטווישן יידנטום.

3

Żydų Ekonomio-Tikybinio Sąrašo
rinkimų platforma.

וואַל־פּלאַטפאָרם

פון דעם יידישן עקאָנאָמיש־רעליגיעזן צעטל

עס דערנענטערן זיך די וואַלן אין סיים. באַלד וועט דער יידישער וויילער דאַרפן גיין צו די וואַל־אורנעס אום [כּדי] צו באַשליסן, ווער עס זאָל זיין זיין פאַרשטייער, ווער עס זאָל זיין דער פאַרשטייער פון יידישן פאָלק אין ליטווישן סיים. גרויס איז די אחריות וועלכע ליגט אויף יעדער איינצלנעם וויילער — ווען ער האָט צו באַשטימען אויף 3 יאָר דעם גורל פון דעם ליטווישן יידנטום, דעם גורל פון די ליטווישע יידן דאַרף ער איבערגעבן אין ערלעכע הענט, ביי מענטשן, וועלכע לאָזן זיך ניט פאַרפירן ניט פון פּערזענלעכע אינטערעסען און ניט פון ענגע פּאַרטיי־אינטערעסען, — ביי מענטשן, וועלכע שטעלן העכער פאַר אַלעס די אינטערעסן פון דעם צבור, וועלכער האָט זיי געשיקט אין סיים.

די אינטערעסן פון ליטווישן יידנטום, וועלכע דאַרפן באַשיצט ווערן אין סיים, קענען איינגעטיילט ווערן אין עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און רעליגיעזע, וועלכע זיינען אַלע ענג פאַרבונדן מיט אַנאַנדער.

עקאָנאָמישע אינטערעסן

אונטער דעם אַלגעמיינעם קריזיס וואָס הערשט אין לאַנד, ליידן באַזונדערס שווער די יידן. פון איין זייט רויגירן דעם יידישן סוחר און בעלי־מלאכה די גרויסע און אומגעהיירע שטייערן און דער גרויסער ווילקיר פון די [דער] שטייער־פאַרטיילונג, און פון דער אַנדערער זייט זיינען די מעגלעכקייטן צו קריגן אַ ביליקן קרעדיט אַ סך קלענער פאַר דעם יידישן סוחר און בעל־מלאכה ווי פאַר דעם ניט־יידישן. אונדזערע פאָדערונגען אויף דעם געביט זיינען: 1) פאַרקלענערן די שטייערלאַסט וועלכע פאַלט אויפן יידישן סוחר און בעל־מלאכה, — אין ערשטער ריי — פאַרבייטן דעם ברוטאָ־ריווח־שטייער אויף נעטאָ־ריווח־שטייער, אַזוי אַז ער זאָל ניט פאַלן רויגירנדיק אויף די [דער] יידישע באַפעלקערונג.

2) באגרענעצן דעם ווילקיר פון די שטייער־אינספעקטארן, און אנדערע שטייער־אינסטאנצן, יעדער סוחר און בעל־מלאכה, אינדוסטריעלער און האנטווערקער מוזן פריער געגוי וויסן, וויפל ער האט צו צאלן, זיין אפצאל דארף אפהענגען פון זיינע ווירקלעכע הכנסות, און ניט פון דעם איינזען פון שטייער־אינסטאנציעס. 3) באזארגן דעם יידישן סוחר און האנטווערקער מיט א גענוגנדיקן און ביליקן מלוכה־קרעדיט.

דער יידישער האנדל און די יידישע אינדוסטריע געפינען זיך יעצט און א באזונדער שווערן מצב אונטער דעם דרוק פון זונטיקרו־געזעץ. מיט ווייטאק — אבער אויך מיט שטאלץ — מוזן מיר קאנסטאטירן, אז דער געזעץ האט געהאט און האט פאר אונדז שווערע עקאנאמישע פאלגן, — אבער ביז איצט נאר עקאנאמישע: פארשווינדנדיק קליין איז די צאל פון די יידישע געשעפטן, וועלכע ארבעטן אין ליטע אום שבת. איינע פון אונזערע ערשטע אויפגאבעס אין נייעם סיים מוז זיין אויסצובעסערן דעם זונטיקרו־געזעץ אין דעם זין, אז אין אלע שטעט און שטעטלעך פון ליטע זאל דערלויבט ווערן א גענוגנדיקע צאל שעהען צו ארבעטן און צו האנדלען אום זונטיק.

## פאליטישע אינטערעסן

די אויטאנאמיע, צו וועלכער עס האבן ביז איצט געשטרעבט די אנפירערס פון אונדזער פאליטיק, האט געהאט איר ציל נאר אין דעם, [כדי] צו הערשן אויף דער יידישער גאס מיט דער מאכט פון ליטווישן פאליציאנט, וועלכער מאנט אויף דעם צוואנגשטייער, אום [כדי] צו בייגן אונטער דעם יאך פון דער הערשענדיקער פארטיי די גאנצע יידישע באפעלקערונג. דערביי האט מען פארנאכלעסיקט די אמתע יידישע אויטאנאמיע, דאס רעכט, אז אונדזער חינוך־וועזן זאל זיך געפינען אין אונדזערע הענט, אז דער יידישער שולוועזן זאל געלייטעט ווערן דורך יידישע הענט, אזוי ווי אין לעטלאנד איז דאס שוין לאנג אויסגעפירט געווארן... אויב די יידישע סוחרים און בעלי־מלאכות לײדן פון די קאפריזן פון די שטייער־אינסטיטוציעס, קומט אויס די יידישע שולן צו לײדן פון די קאפריזן פון די שול־אינספעקטארן, וועלכע האבן ניט קיין פארשטענדעניש און קיין אינטערעס פאר דעם יידישן שולוועזן, די יידישע שולן לײדן דערפון גייסטיק און מאטעריעל — דאדורך, וואס ניט יידן זיינען בעל־בתים אויף דער פראגראם פון די יידישע שולן און אויף די יידישע לערעס און דאדורך, וואס די יידישע שולן באקומען פערהעלטענישמעסיק א סך קלענערע שטיצע פון דער רעגירונג, ווי די ניט־יידישע שולן. איינע פון אונדזערע הויפטפאדערונגען אויף דעם פאליטיש־קולטורעלן געביט איז — אז דאס גאנצע יידישע שולוועזן ווערן דורך יידן אז ביי דעם בילדונגס־מיניסטעריום זאל געבילדעט ווערן א באזונדערער דעפארטאמענט צו פארוואלטן מיט די יידישע שולן, און אז די יידישע שולן זאלן באקומען די געהעריקע שטיצע פון דער רעגירונג.

אין פאליטיש־בירגערלעכער באציונג האבן די יידן אין ליטע, לויט אונדזער קאנסטיטוציע, גלייכע רעכט מיט די ניט־יידן. אבער אין לעבן ווערט די גלייכבארעכטיקונג ווייט ניט דורכגעפירט. ביי דער דורכפירונג פון דער ערד־רעפארמע איז מען זיך שטיפמוטערלעך באגאנגען מיט די אינטערעסן פון די יידישע לאנדווירטן. די צאל יידישע רעגירונגס־באאמטע איז ווייט ניט אנטשפרעכנדיק דעם פראצענט פון דער יידישער באפעלקערונג אין ליטע.



די פליכט פון אונדזער פארשטייערשאפט אין סיים איז — צו קעמפן דערפאר, אז אזעלכע אומנארמאלע דערשיינונגען זאלן באזייטיקט ווערן, אז די יידישע גלייכבארעכטיקונג זאל דורכגעפירט ווערן אין לעבן אזוי ווי זי איז אנערקענט אין דער קאנסטיטוציע.

## רעליגיעזע אינטערעסן

אונזערע פארטרעטערס אין סיים מוזן שטיין אויפן וואך, אז די אינטערעסן פון יידישן דת וועלכע איז דער יסוד פון יידישן פאלק, זאלן ניט געשטעלט ווערן אין קיין סכנה דורך פארשידענע געזעצן, וועלכע קענען אנגענומען ווערן אין סיים.

אין דער ערשטער ריי שטייט זעלבסטפארשטענדלעך דער געזעץ וועגן זונטיק־רו; אין וועלכן עס מוזן אריינגעטראגן ווערן די אנטשפרעכנדיקע אויסבעסערונגען, כדי ניט צו שטעלן די יידישע באפעלקערונג פאר דער דילעמע — אדער עקאנאמיש רוינירט צו ווערן אדער חלילה זיך אפזאגן פון שבת. וועגן דעם האבן מיר שוין גערעדט פריער.

דער יידישער רעליגיעזער חינוך געפינט זיך איצט אין ליטע אין א רעכטלאזע לאגע. די חדרים זיינען פון דער רעגירונג ניט אנערקענט אלס שולן — די רעגירונג שטערט זיי ניט; אבער זי אונטערשטיצט זיי ניט. די רעכט פון די ישיבות זיינען אפגענומען געווארן.

אונדזערע פארשטייערס אין סיים מוזן זארגן דערפאר, אז דער יידישער רעליגיעזער חינוך זאל אנערקענט און אונטערשטיצט ווערן פון דער רעגירונג, לויט אונדזער קאנסטיטוציע, און די רעכטלעכע לאגע פון די ישיבות זאל געזיכערט ווערן.

אט דאס זיינען די הויפט־אויפגאבעס פון אונדזער פארשטייערשאפט אין סיים. וועלכע דארפן זיין די הויפטליניעס פון אונדזער פאליטיק אין סיים?

די יידישע פארשטייערס, וועלכע מיר שיקן אין סיים, דארפן ניט פאר־בינדן דעם גורל פון ליטווישן יידנטום מיט איין פארטיי אדער גרופע, זיי דארפן פירן אין ליטווישן סיים ניט קיין ספעציעל רעכטע און ניט קיין ספעציעל לינקע פאליטיק. די יידישע פארשטייערס אין סיים דארפן פירן א ריין יידישע פאליטיק, אין יעדער פאל באזונדער מוזן זיך רעכענען נאר מיט די יידישע אינטערעסן, וועלכע זיי זיינען בארופן צו פארטיידיקן ביי אלע באדינגונגען, וועלכע זיי וועלן טרעפן אין סיים.

די יידישע סיים־פראקציע אין פאריקן סיים האט זיך מיט די עלעמענטארע פאדערונגען ניט גערעכנט! טרייבנדיק איר ענגע פארטיי־פאליטיק האט זי פארנאכלעסיקט די יידישע אינטערעסן אין ליטע און צייטנווייז געטאן אקוראט פאר־קערט ווי דאס וואס ס'האט זיך געפאדערט צו טאן.

די געשעעענישן פון דעם איצטיקן מאָמענט ווייזן בולט, אַז אונדזערע ביז איצ־
טיקע סיים־פּאָליטיקערס האָבן אין משך פון דער צייט גאָרניט פאַרגעסן און גאָרניט
דערלערנט, און אויב זיי וועט געלינגען ווידער אָפּצונאַרן דעם יידישן וויילער און
אַריינגיין אין סיים, וועלן זיי ביתר־שאת וביתר־עז טרייבן די שעדלעכע פּאָליטיק,
וועלכע זיי האָבן געטריבן ביז איצט.

דעריבער איז קלאָר, אַז מיט יעדער שטימע וואָס מען גיט אָפּ אַט פאַר די
פּאַרטיי־גענעראַלן פון דער טרויעריקער פאַרגאַנגענהייט, ברענגט מען, אָן אַ שום
ספק, אַ שאָדן די אינטערעסן פון דער יידישע באַפעלקערונג אין ליטע, אַלע
וועמען ס'זיינען טייער די יידישע אינטערעסן אין ליטע, אַלע וועלכע ווילן, אַז די
יידישע עקאָנאָמישע, רעליגיעזע און פּאָליטישע אינטערעסן זאָלן טריי און ערלעך
פאַרטיידיקט ווערן, דאַרפן אָפּגעבן זייערע שטימען פאַר דעם יידישן עקאָנאָמיש־
רעליגיעזן צעטל!

4

## Lietuvos Centralinio Smulkiųjų Pirklių S-gas atsišaukimas apie rinkimus į Seimą.

די פאַרוואַלטונג פון ליטווישן צענטראַל [ן]
קליין־סוחרים־פאַרבאַנד אין ליטע

האָט צוזאַמענגערופן זונטיק דעם 4 אפּריל אַ גרויסע קאָאָפּטירטע זיצונג פון מיט־
גלידער פון אונדזער פאַרבאַנד אויף וועלכער עס איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנ־
דיקע רעזאָלוציע:

די קאָאָפּטירטע זיצונג פון די מיטגלידער פון ליטווישן צענטראַל[ן] קליין[־]
סוחרים[־]פאַרבאַנד, אויסהערנדיק דעם באַריכט פון אונזערע פאַרשטייערס אין
וואַל־קאָמיטעט צו די וואַלן אין סיים האָט אָנערקענט:

1) אַז דער "מרכז הציוני" האָט פאַרברעכעריש געהאַנדלט קעגן די אינטערעסן
פון יידישן קליין־סוחרטום, וועלכער איז דער רוב מנין און בנין פון יידישן קיבוץ
אין ליטע.

2) אַז דער צוזאַמענשטעל פון אַ דעמאָקראַטישן פאַראייניקטן יידישן צעטל
אָן קיין פאַרשטייער פון 90 פּראָצענט פון יידישן סוחרטום אַנטשפּרעכט ניט די
דעמאָקראַטישע פּרינציפּן מיט וועלכע דער צעטל נאָמינירט זיך.

3) אַז דער אָפּמאַך וועלכען איז מיט אונדזערע פאַרשטייער געשלאָסן געוואָרן
דעם 28 מאַרט איז געבראָכן געוואָרן אָן קיין שום גרונט, ווייל מען האָט געוואָלט
נאָכגעבן די אַמביציעס פון אַ גאַנץ קליינער צאָל גרויס־סוחרים אויף אונדזער חשבון
און כּדי דאָס דורכצופירן האָט דער "מרכז הציוני" זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר די
מיאוסע מיטלען פון רכילות־טרייבעריי בנוגע צו אונדזער קאַנדידאַט. —

באַשליסט די פאַרזאַמלונג אַרויסצוטראָגן קעגן אַזאַ האַנדלונג איר שאַרפסטן
פּראָטעסט פאַר דער עפנטלעכקייט.

זי הערן פון "דעמאָקראַטישן צעטל" וואָס האָבן מיאוס און אומפאַרשעמט פאַר־
נאַרט און פאַרברעכעריש איגנאָרירט די אינטערעסן פון קליין־סוחרים, האָבן נאָך



די העזה צו מיסברויכן דעם נאָמען פון צענטראַלן קליין־סוחרים־פאַרבאַנד, און
אויפפאָדערן אין זיין נאָמען צו שטימען פאַר זייער צעטל.
דאָס איז אַן אומערהערטע פאַלסיפיקאַציע. דאָס באַווייזט נאָך אַז די אייגענע
מאַרקע איז פולשטענדיק באַנקראָט און מען זוכט זיך צו פאַררוקן אונטער אַ פרעמדן
מאַנטל.

קליין־סוחרים פון גאַנץ ליטע!

איר ווייסט שוין אַז מיט זייער פּאָליטיק האָבן זיי געבראַכט נאָר צרות און חורבן
אויף דער יידישער באַפעלקערונג בכלל און אויף אונדז קליין־סוחרים בפרט. טאָ
ווייסט זשע אויך, אַז אייער צענטראַלע האָט רעאַגירט אויף די [דער] פאַרברעכע־
רישע[ר] האַנדלונג מצד דעם דעמאָקראַטישן צעטל קעגן אונדז, און שטימט אַלע
ווי איינער פאַר דעם איינציקן

אידישן עקאָנאָמיש־רעליגיעזן צעטל

No. 15
Spaustuvė „PROGRES" Kaunas, Vilnius g-vė 25.

5

## Lietuvos Rabinų atsišaukimas į Žydus apie Seimo rinkimus.

בע"ה

קול קורא

**פון די ליטווישע רבנים צו אַלע יידן אין ליטע**

**אחינו בני ישראל!**
מיר, אונטער[גע]שריבענע רבנים, וועלכע זיינען צוזאַמענגעקומען אין קאָוונע בימי
ז'—ח' אייר [תרפ"ו (1926)], צו באַראָטן זיך איבער פאַרשיידענע עניני הכלל,
בעמענדיק אין באַטראַכט די וויכטיקייט פון אַ פאַסיקער און געלונגענער יידישער
פאַרטרעטערשאַפט אין סיים פאַר אַלע אונדזערע לעבנס־ענינים און שטרעבנדיק
צו לינדערן, ווי ווייט מעגלעך, דעם וואַלקאַמף, ער זאָל ניט ברענגען מיט זיך קיין
צו גרויסן שאָדן דעם כלל, האָבן זיך געווענדט דורך אונדזערע ב"ב צו די צוויי
פיגורירנדיקע יידישע צעטלען מיט אַן אויפפאָדערונג צו בלאָקירן צווישן זיך אויף
די רעשטלעך, בכדי אַז יידישע שטימען זאָלן ניט גיין לאיבוד;
למען השלום האָבן מיר פאַרגעשלאָגן די ווייט מעגלעכסטע הנחות מצד דעם
"עקאָנאָמיש־רעליגיעזן" צעטל. דער "דעמאָקראַטישער" צעטל האָט זיך אָבער
אָפּגעזאָגט פון דעם פאַרגעליגטן שלום, פון אַ בלאָק מיט יידן, און דער צייט, ווען
ווען מיט ניט־יידן האָט ער זיך יאָ בלאָקירט אויף זייער אומגינסטיקע באַדינגונגען,
ביי וועלכע טויזנטער יידישע שטימען קענען אַוועקגיין פאַר ניט־יידן.
ברידער! קעגן ווילן פון ליטווישן יידנטום, וואָס האָט, ווי באַוווסט, פון פיל
שטעט און שטעטלעך, געפאָדערט צו מאַכן שלום און מען זאָל זיך בלאָקירן, האָט
אַ געוויסער קרייז באַשלאָסן אויפצוצווינגען ליטווישע יידן אַ מלחמת־אחים; יידן
זאָלן זיך, קעגן זייער ווילן, קריגן, ווייל אַזוי פאַרלאַנגען די שונאים פון רעליגיעזן

יידנטום, וואָס שטרעבן עוקר מן השרש זיין אונדזער תורה און דת.

זיי ווילן בשום־אויפן ניט דערלאָזן, אַז דער יידישער קיבוץ זאָל זיין פאַר־טראָטן אין סיים דורך אמתע, טרייע שלוחי־ציבור, ווי למשל, דער פון אונדז אַלעמען געאַכטעטער ה׳ ד״ר האָלצבערג, וועלכער איז דער איינציקער, וואָס האָט אין פאַריקן סיים און אין זיין גאַנצער טעטיקייט אַלס דעפּוטאַט געבראַכט אַזוי פיל ממשותדיקע נוצן דעם יידישן כלל און פרט.

בנוגע דעם כלל איז גענונג צו דערמאָנען די באַשיצונג פון ״שחיטה״, וועלכע איז געשטאַנען אין סכנה, די אָפּשאַפונג פון אומזאָץ־שטייער אד״גל.

בנוגע דעם פרט איז אַלעמען גוט באַקאַנט זיינע אַרבעט פאַר יעדן יידישן יחיד, וואָס ווענדט זיך נאָר צו אים, וועלכן ער דינט, טאָג און נאַכט, ממש מיט מסירות־נפש. די אַלע יחידים, וועלכע האָבן גענאָסן פון זיינע טובות, קענען זיכער שוין צוזאַמענשטעלן אַ גאַנצן באַדייטנדיקן כלל.

זיי, וואָס מיט זייער אומגליקלעכער, אומפאַראַנטוואָרטלעכער קאַמף־פּאָליטיק, הן כלפי חוץ, הן כלפי פנים, האָבן געבראַכט אויפן יידישן קיבוץ אין ליטע נאָר שינאה, אומגליק און מחלקת און דערפירט ביז צו אַ כמעט קאַטאַסטראָפאַלן מצב אויף אַלע געביטן, אויפן עקאָנאָמישן ווי אויפן גייסטיקן, האַלטן זיך ניט אָפּ פון צוואַרפן שמוץ און אַלערליי זילזולים אויפן ריינעם נאָמען פון אַ יידישן טרייען שליח־ציבור.

מיר, יידישע רבנים, פילן זיך שוין דעם מאָל געצוווּנגען אַרויסטרעטן אָפן קעגן דעם שקר, וואָס איז שוין אַריבער גרענעצן, און קעגן די אָפענע שינאת־הדת.

מיר, ליטווישע רבנים, האָבן איינשטימיק באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו אונדזערע ברידער אין ליטע בשם ה׳ אלקי ישראל ובשם התורה צוליב די יידישע לעבנס־אינטערעסן.

די פּאָליטיק, וועלכע איז געפירט געוואָרן ביז איצט דורך די קאַנדידאַטן פון ״דעמאָקראַטישן״ צעטל, וועלכע זיינען שוין טרויעריק באַקאַנט פון זייער אַרבעט אין פריערדיקן סיים, איז א סכנה פאַר אַלע אונדזערע עקאָנאָמישע און רעליגיעזע ענינים.

מיר טאָרן ניט אָנפאַרטרויען די פאַרטיידיקונג פון אונדזערע לעבנס־אינטערעסן אַזעלכע פערזאָנען, וואָס האָבן אונדז ביז איצט געבראַכט נאָר שאָדן און ליידן. מיר, מאמינים בני־מאמינים, טאָרן ניט זיין אָפיציעל פאַרטראָטן דורך אַזוינע, וואָס האָבן זיך עפנטלעך דערקלערט פאַר כופרים באלקי ישראל, וואָס האָבן אין סיים געהויבן אַ האַנט קעגן יידישן דת, וואָס האָבן זיך אָנטזאָגט, דעמאָנסטראַטיוו, צו שווערן אין סיים ביים תנ״ך. אין ענגלישן פּאַרלאַמענט האָבן יידישע מיטגלידער פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי יאָ געשוואָרן ביים תנ״ך און די פאַרטרעטער פון ליטווישן תורה־יידנטום האָבן עס ניט געפונען פאַר מעגלעך.

עס איז אַ חוב קדוש אויף אַלע יידן צו שטימען פאַר דער איינציק אליין אמתער יידישער פאַרטרעטערשאַפט — פאַרן ״עקאָנאָמיש־רעליגיעזן״ צעטל.

מיר בעטן אייך, ברידער, בשם התורה, אַז איר זאָלט אַלע מיטהעלפן, יעדער בכל



כחו ונפשו, צו פאַרהיטן אונדזער הייליקן דת און אַלע אונדזערע לעבנס־אינטערעסן!

מיר אַלע גיבן אונדזער ברכה, פאַר אַלע די וואָס וועלן שטימען און מסייע זיין אַנדערע צו שטימען פאַר דעם ״עקאָנאָמיש־רעליגיעזן״ צעטל, אַז השי״ת זיי בענטשן מיט געזונט, פרנסה און פיל נחת כאמור: ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת און מיר זאָלן זוכה זיין צו ישועות ונחמות.

באָנו עה״ח בחדש אייר תרפ״ו

| | |
|---|---|
| אברהם דובער כהנא שאַפּירא | קאָוונא |
| אברהם ארי׳ גראָסבאָרד | שירווינט |
| אברהם זאַק | אַלשיאַד |
| אברהם וויטקינד | באַלטרימאַנץ |
| אברהם אבא רעזניק | פילווישאַק |
| אברהם זאב העלער | זידיק |
| אברהם לעווין | פּאָפּעליאַן |
| אברהם טערנא | יאַשווען |
| אהרן נפתלי יצחק קאַמראַן | אושפּאַל |
| אהרן בענדט שמידט | וויזון |
| אלי׳ שור | אַניקשט |
| אלי׳ מאיר פייוולזאָן | קופּישאַק |
| אלי׳ אהרן גרין | ווילקאָווישקי |
| אלי׳ פון | טרישיק |
| אלי׳ פיין | וועוויאַ |
| אפרים ניסן מה־יפית | פּאָנעמון |
| אפרים קראַוויצקי | לוקניק |
| ארי׳ גערשטיין | לאַזדיי |
| ארי׳ לעוו | אופּינאַ |
| א. עפשטיין | ווישינטאַ |
| א. י. נאַחומאָווסקי | שאַוול |
| בנימין פערסקי | קרעטינגאַ |
| בן־ציון לעוויטאַן | שידלעוואַ |
| בן־ציון זאַקס | נעמאַקשט |
| בן־ציון פרידמאַן | פּיקלען |
| בצלאל כץ | ראַקישאַק |
| בצלאל דזימיטראָווסקי | יאַנישאַק |
| ברוך הלוי הורוויץ | אַלעקשאַט |
| ברוך פייוולזאָן | מייסאַגאָלע |
| גרשן באָרישניק | פּרען |
| דוב אשר צעכנאָווקי | פּאָקראַי |
| דוב בערגמאַן | סומילישאַק |
| דוב מלמד | צייקישאַק |
| דוד גרשון רובינשטיין | אוזווענט |
| זליג ראובן בענגיס | קאַלוואַריאַ |
| זלמן לעוויטאַס | לינקאָוואַ |

| | |
|---|---|
| חיים שס | וואַסלע |
| חיים יצחק קאָרב | זאַגאַר ישן |
| חיים הלוי כץ | פּומפּיאַן |
| חיים שילמאַן | יאַנאָוואַ |
| חיים מאיר פעלדבערג | קראָקי |
| חיים זליג קאַפּלינסקי | לויקעוואַ |
| חיים לעוו | באלבירישאַק |
| חיים קליבאַנאָוו | וועגדזיגאלא |
| חיים האַצקעוויץ | אַבעל |
| טובי׳ שלעזינגער | אַבעל |
| טודרוס לויקשצאַן | ליגום |
| יוסף ליב בלאָך | טעלז |
| יוסף כהנעמאַן | פּאַנעוויעז |
| יוסף גראַז | וואָרזאַן |
| יוסף זאב ממיפה | מאַזשייק |
| יוסף דוב העגקין | שאַדאָוואַ |
| יוסף יהודה ברוין | שילעל |
| יוסף אַנאַכאָוויץ | שאַקי |
| יהודה יאַבלאָנסקי | אַליטע |
| יעקב שלמה שיין | לאַצקעוואַ |
| י. דימאַנט | יורבורג |
| יעקב ראַפּאַפּאָרט | זיימעל |
| יעקב חיים טערושקין | שקוד |
| יעקב ראַלבע | שאַלאָק |
| יעקב משה לעסין | ניישטאַט־סוגין |
| יעקב משה שמוקלער | טראַשקון |
| יצחק איזיק הירשאָוויץ | ווערזבאַלאָוואַ |
| יצחק לעווין | דאַרביאַן |
| יצחק אַגולניק | פאסוואָל |
| יצחק איזיק שטעמפּנער | לייפון |
| יצחק גרין | סאַפּיזישקי |
| ירחמיאל ליטווין | לינקעוואַ |
| ישראל גאַלדין | סעריהיי |
| ישראל בענדט פּיוולזאַן | שוקיאַן |
| ישראל בן־ציון גאָלדמאַן | רומשישאַק |
| י. שאַפּיראַ | גאָרזד |
| ליב רובין | ווילקאָמיר |
| ליב בערנשטיין | בירז |
| ליב לאבא | טויראַגין |
| לוי שפּין | פלונגיאַן |
| מאיר מץ | גרינקישאַק |
| מענדל יוסף קאַפּעלאָוויץ | שקאַפּישאָק |
| מרדכי כהן | רודאַמיע |
| משה מרדכי עפּשטיין | סלאָבאַדקע |
| משה שפּיראָ מישל | ראַגאָוואַ |
| משה שפּיראָ | וועזמער |



| | |
|---|---|
| משה יצחק וויציק | ראַגאָלאַ |
| מ. מאָוושאַ | בירז |
| נחום ברוך גינצבורג | קיבאָרט |
| נחום ווערבאָווסקי | אַקמיאַן |
| נחום שער | ראַזאַלין |
| נחום פּאָרטמאַן | ניישטאָט־שירווינט |
| נתן נטע דוגליאַנסקי | ערזווילק |
| ש. י. רבינוביץ | יעלאָק |
| קלמן לעווין | גולדעוואַ |
| ראובן בראַז | וויסאָקי־דוואָר |
| צ. לאבא | פּאַצינעל |
| שלמה פיינזילבער | קיידאַן |
| שלמה פנחס באָטניצקי | מאַריאַמפּאָל |
| שמואל פאַנדילער | ריטעוואַ |
| שמואל יוסף שהם | ווילקי |
| שמואל יצחק סיגאַר | קאַמאַי |
| שרגא גאַווראָן | חווידאַן |

6

Žydu Ekonominio-Tykibinio Sąrašo atsišaukimas apie rinkimus į Seimą

## פלגש בגבעה

ביי אונדז איז אַפּגעטאָן געוואָרן אַ מוראדיקע נבלה, אַ נאַציאָנאַלער פאַרברעכן! די הערן פון "דעמאָקראַטישן" צעטל האָבן אָפּגעטאָן אַ מעשה "פלגש בגבעה". וויסנדיק, אַז "אחדות" האָט ביי אַלע וואַלן אַ דריטל פון אַלע שטימען, האָבן זיי דאָך אויסגעשלאָסן "אחדות" פון דער ליסטע און אָפּגזאָגט זיך אפילו צו בלאָקירן מיט איר, אויסטראַכטנדיק כל השקרים וכזבים ובלבולים. זיי האָבן אָפן דערקלערט, אַז ביי זיי איז רעכט, אַז צענדליקער טויזנטער שטימען פון "אחדות" זאָלן גיין לאיבוד, אַז יידן זאָלן האָבן מיט דריי־פיר דעפּוטאַטן ווייניקער, אַבי נאָר רודפן "אחדות" עד חרמה.

אַ, דאָס איז אַ מעשה פלגש בגבעה!

און זאָגנדיק אַליין אַזוי און וועלנדיק גורם צו זיין, אַז די שטימען פון "אחדות" זאָלן גיין לאיבוד (וואָס עס וועט זיי בע"ה, ניט געלינגען) גייען זיי נאָך איצט אַרויס אַגיטירן מיט דעם אַרגומענט אַליין, שרייענדיק ווי צדיקים: מ׳טאָר פאַר "אחדות" ניט שטימען, ווייל די שטימען וועלן גיין לאיבוד.

ג ז ל נ י ם! איר אַליין האָט דאָך דאָס געוועלט און געטאָן און איצט קערט איר איבער דעם פּעלץ!

ג ז ל נ י ם! אומפאַרשעמטע שווינדלערס!

בײַ אַזאַ פֿאַל איז געזאָגט געוואָרן די הייליקע ווערטער — הרצחת גם ירשת ? !
געהרגעט און נאָך אָפּגעירשנט ! אַ, דאָס איז מעשה פּלגש בגבעה !

און ווען איר האָט אַלײן פֿאַרשטאַנען דעם מורא׳דיקן פֿאַרברעכן, האָט איר אויסגעטראַכט כל השקרים ובלבולים.

און ווען אַלע רבנים וגאוני ליטע האָבן זיך צו אײַך געווענדט מיט אַ פֿאָרשלאָג פֿון שלום, צו שליסן אַ בלאָק, און ווען איר האָט אײַך אָנטזאָגט און זיי, די רבנים, האָבן אַרויסגעזאָגט זייער הייליקע תורה־מיינונג און געשטעלט זיך אויף דער גערעכטער זייט, קעגן וועלכער איר האָט באַגאַנגען די שרעקלעכסטע עוולה, זייט איר אַרויס קעגן די אַלע רבנים, מיט שרעקלעכע זילזולים, חרפות וגידופים, וואָס אַפֿילו די ערגסטע אַנטיסעמיטן ערלויבן עס זיך ניט ; זייט איר אַרויס אפילו מיט די נידעריקסטע „סטראַשונקעס" קעגן די רבנים, אַז איר וועט זיי „יורד לחיים" זיין, אַז איר וועט בײַ זיי צונעמען זייער ברויט, אַז איר וועט מאַכן אויף זיי אַ מחלקת, אַז איר וועט נעמען אויף זייער אָרט אַנדערע רבנים (איר מיינט אַ זאַיר וועט געפינען אַזעלכע מנוולים, וואָס װעלן דאָס טאָן !).

אַ, דאָס איז אַ מעשה פּלגש בגבעה !

און ווען די רבנים וגאונים האָבן זיך ניט דערשראָקן פֿאַר אײַערע שטראַשונקעס און האָבן זיך כמעט מוסר־נפש געווען פֿאַר דאָס, וואָס איז אמת און הייליק, זייט איר אָפֿן אַרויס צו דער יוגנט מיט אַ פּאָגראָם־העצע, האָט איר זיי געגעבן „פּריקאַזן" צו ווערן כוליגאַנעס און מיט אַלע מיני סקאַנדאַלן איבעררײַסן די רבנישע רעדעס, ווײַסנדיק גאַנץ גוט, אַז איר צעקאַליעטשעט דערמיט די נשמות פֿון די אומשולדיקע יונגע קינדער, אַז איר פֿאַרקריפּלט זיי גייסטיק, ווײַסנדיק דאָס אַלץ האָט איר דאָך דאָס געטאָן, אַבי נאָר אויספֿירן אײַער טריפֿהנע עקשנות און נצחון. —

**אַ, דאָס איז אַ מעשה פּלגש בגבעה !**

ברידער יידן ! מיר טאָרן ניט לאָזן אומבאַשטראָפֿט אַזאַ מעשה פּלגש בגבעה !

עס וועלן בײַ אונדז נאָך און נאָך פֿאָרקומען וואַלן, און אויב מיר וועלן דעם מאָל דורכלאָזן אַזאַ מעשה פּלגש בגבעה, אויב מיר וועלן לאָזן, אַז אַזאַ נאַציאָנאַלער פֿאַרברעכן זאָל זיי מצליח זיין, וועט עס ווערן אַ בכיה לדורות און דער יידישער פֿראָנט וועט בײַ אונדז בלײַבן אויף אייביק צעשפּאָלטן און צעשפּליטערט !

**איר טאָרט דאָס ניט דערלאָזן**, איר מוזט זיי ווײַזן, אַז צווישן יידן קען מען ניט אומבאַשטראָפֿט אָפּטאָן אַ מעשה פּלגש בגבעה.

ווײַזט זיי, אַז מיט אַזעלכע פֿאַרברעכערישע דרכים פֿירט מען בײַ יידן ניט אויס !

שטימט קיינער ניט פֿאַר זייער „דעמאָקראַטישן" צעטל !

## שטימט אַלע יידן פֿאַר דעם ערלעכן, אמת יידישן „עקאָנאָמיש־רעליגיעזן" צעטל !

אָט נאָר אויף דעם וועג וועט קיין איינציקע יידישע שטימע ניט אַוועקגיין אָן נוצן !

ווער ס׳גיט אָבער זיין שטימע פֿאַר דעם „דעמאָקראַטישן" צעטל דער אונטערשטיצט די מעשה פּלגש בגבעה, דער גיט אַוועק זיין שטימע פֿאַר די ניט־יידישע



דעפּוטאַטן ווײַל דער „דעמאָקראַטישער" צעטל האָט פֿאַרברעכעריש אַוועקגעשענקט יידישע שטימען !

**דעריבער שטימט אַלע יידן פֿאַר דעם „עקאָנאָמיש־רעליגיעזן" צעטל !**

**וואַל־קאָמיטעט פֿון „עקאָנאָמיש־רעליגיעזן" צעטל !**

7

Atsišaukimas apie rinkimus į Seimą

## פֿאַר וואָס טאָר מען ניט שטימען פֿאַר „אחדות" ?

פֿון ערשטן טאָג אָן זינט די יידישע באַפֿעלקערונג אין ליטע קעמפֿט פֿאַר אירע רעכט, האָט „אחדות" געהאַט פֿאַר זיך נאָר איין ציל — שטערן און ברעכן.

ווײַסנדיק גאַנץ גוט, אַז אונדזערע נאַציאָנאַלע מוסדות האָבן אַ שיעור שונאים פֿון אויסן, האָט „אחדות" געטאָן אַלץ, כּדי זיי אויפֿצורײַסן פֿון אינעווייניק. בשעת די גאַנצע יידישע באַפֿעלקערונג איז אויפֿגעציטערט געוואָרן דורך דער באַליידיקונג, וואָס איז איר געמאַכט געוואָרן דורך באַשטימען פֿאַר אַ יידישן מיניסטער אַ שעדלעכע פֿיגור, האָבן די „אחדות"־לידערס געפֿונען פֿאַר נייטיק גיין צו אים מיט העפֿלעכקייטס־וויזיטן.

בשעת עס איז פֿאָרגעקומען די יידישע נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג, האָט „אחדות" דערלויבט זיך איר צו באָיקאָטירן, אונטערשטרײַכנדיק, אַז דאָרט, ווו עס זיצן די פֿאָרשטייערס פֿון גאַנצן יידישן פֿאָלק, פּאַסט זיי ניט צו גיין. שטענדיק האָבן זיי געוואָרפֿן שטיינער אויף דער גאַנצער נאַציאָנאַלער אַרבעט, וואָס די יידישע באַפֿעלקערונג האָט געפֿירט, שטענדיק זײַנען זיי געווען אויפֿן צד פֿון אירע פֿאַרביסנסטע שונאים.

זיי רופֿן זיך „אחדות" (אייניקייט) און טוען אַלץ אויף צו שפּאַלטן דעם יידישן פֿאָלק אין דער גאַנצער וועלט און אויך אין ליטע. זיי האָבן דאָס אַרויסגערוקט דעם לאָזונג, אַז אַ פֿרומער קאַטאָליק איז נעענטער ווי אַ ניט־פֿרומער ייד.

שטענדיק האָבן זיי געקוקט אויף די ליטווישע קריסטלעכע דעמאָקראַטן, ווי אויף זייערע פֿאַרבינדעטע, כּדי צו קעמפֿן מיטן גאַנצן יידישן פֿאָלק. און וואָס האָבן זיי איצט געטאָן אין סיים ? אין דער צייט ווען די רעאַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע סיים־מערהייט האָט געשאָסן אין אונדז, יידן, איין פֿאַרגיפֿטעטן פֿייל נאָכן אַנדערן, בשעת דעם חורבן פֿון אַלע יידישע נאַציאָנאַלע מוסדות, האָבן זיי געמאַכט אַ געשעפֿט מיט די, וואָס האָבן אין משך פֿון יאָרן רויניִרט דעם יידישן קרעמער, האַנטווערקער און אַרבעטער, וואָס האָבן איינגעפֿירט דעם געזעץ וועגן זונטיק־רו, וואָס האָבן געשטיצט די שילדן־שמירערס, וואָס האָבן געפֿירט און פֿירן איצט די עקלהאַפֿטעסטע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע אין זייערע צייטונגען און אויף זייערע מיטינגען.

די לידערס פֿון „אחדות" האָבן געהאַט די העזה אָנצורופֿן דעם קהילות־געזעץ פֿון די גלחים וויליאַמס און שמולקשטיס פֿאַר אַ אידעאַלן געזעץ. נאָר זיי זײַנען

געווען די, וואָס האָבן געדרייצט און פראָוואָצירט מבטל צו מאַכן די אַלטע קהילות און אַרויסלאָזן דעם [— — —]-געזעץ.

ניט קוקנדיק אויפן באַשלוס פון ביידע קהילות-באַראַטונגען צו באָיקאָטירן די נייע קהילות, האָט "אחדות" אוועקגעזעצט אירן אַ ישיבה-בחור [— — —] מיט וועלכע עס איז אַרויסגענומען געוואָרן קולט [— — —].

זיי האָבן דאָס געמאַכט אַ יד־אחת מיט די גלחים, מיט די שמולקשטיסעס, דרוי־געליסעס און אַמבראַזייטיסעס, מיט די עקשנותדיקע צוררי־ישראל. פון זייערע אַנטיסעמיטישע הענט האָבן זיי בסוף פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אַרויס־באַקומען פאַר זיך די "רעליגיעזע קהילה", וואָס שטעלט פאַר מיט זיך אַ שפיי אין פנים דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, און וואָס איז מיט צביעות געקנעט און געפלאָכטן.

ווער זיינען די זיילן, אויף וועמען עס האַלט זיך די "רעליגיעזע קהילה"? צווישן זיי געפינט איר די גרעסטע אַפיקורסים. מענטשן וואָס זיינען מחלל־שבת בפרהסיא, מענטשן, וואָס האַלטן אָפן זייערע אונטערנעמונגען אום שבת אא"וו. פאַר וואָס האָט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג זיך מיט פאַראַכטונג אָפגעטרייסלט פון איר? ווייל זי, וואָס זאָגט לכתחילה, אַז איר אינטערעסירט נאָר אַ טייל פון יידישן פאָלק, איז באַגאַנגען אַ פאַלשקייט און האָט זיך אָנגערופן מיטן היסטאָרישן נאָמען "קהילה" וואָס פלעגט שטענדיק האַלטן אָפן אירע טירן פאַר יעדן יידן. פאַרן גאַנצן פאָלק.

און צו וואָס האָבן דאָס "אחדות"־לייט געשאַפן פאַר זיך אַזאַ מין "רעליגיעזע קהילה"? ווייל זיי האָט געדאַכט, אַז מיט דער הילף פון דער קריסטלעך־דעמאָק־ראַטישער מאַכט וועלן זיי שאַפן אַ מוסד, דורך וועלכן זיי וועלן קענען הערשן איבערן יידישן המון, רייטן אויף אים, ווי אין די אַמאָליקע צייטן די אַלטע פרנסים און קאָראָבקע־זויגערס און אויפשטעלן די פאַרהאַסטע קאָראָבקע.

זיי ווייסן גוט זייער שוואַכקייט אויף דער יידישער גאַס, דערפאַר זוכן זיי אויפגעריכט צו ווערן מיט דער הילף פון יידישע שונאים. זיי בוקן זיך פאַר זיי, פאַלן פאַר זיי כורעים און ווילן איינריידן דעם יידן, אַז מיט די פינסטערע כוחות דאַרף מען לעבן בשלום און העלפן דער ליטווישער רעאַקציע צו שטיקן דאָס גאַנצע לאַנד.

זיי גיבן זיך אַרויס פאַר באַשיצערס פון דער יידישער אמונה. אין דער אמתן לעסטערן זיי איר יעדן טאָג. איז דען דאָס ניט אַ חילול־הקדש, ווען זיי האָבן געמאַכט אַ יד־אחת מיטן גלח שמולקשטיס, וואָס האָט עפנטלעך געהאַט געוואָרפן אַ באַשולדיקונג קעגן אַלע ליטווישע רבנים, אַז זיי זאָלן האָבן כלומרשט אַגיטירט אין אַמעריקע קעגן ליטע, אַז די יידישע ישיבות האָבן דעם ציל צו העלפן יידישע יונגע־לייט זיך צו באַהאַלטן פון מיליטער־פליכט?

קען מען דען טרויען זייערע הבטחות, ווען דער, וועמען זיי שטעלן איצט אַרויס אַלס קאַנדידאַט אין סיים, האָט געבראָכן אַן אָפמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן אַלע פאַרטייען, אַז אין נאַציאָנאַלע פראַגעס דאַרף די יידישע פראַקציע



זיין איינִיק? וואָס האָט דער דאָזיקער הער געטאָן נאָך פאַר דעם, ווי ער איז אויס־געשלאָסן געוואָרן פון דער סיימפראַקציע? הינטערן רוקן פון אַלע יידישע דעפוטאַטן האָט ער געוועבט אַן אינטריגע קעגן זיין און גאַנצן יידישן פאָלק, געהיים דורכ־געפירט די באַרימטע קהילות־אינסטרוקציע און געשלאָסן געהיימע אָפמאַכן מיט די קריסטלעכע אויפן חשבון פון אונדזערע וויכטיקסטע נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס.

כמעט גאַנצע 2 יאָר, זייענדיק אַ יידישער דעפוטאַט איז ער, דער טרויעריק באַרימטער האַלצבערג אָפּגעזעסן אין טעלזש, ניט קומענדיק צו פאָרן צו די זיצונגען פון סיים אַפילו דאַן, ווען עס פלעגן ווערן באַהאַנדלט בלוטיקע יידישע אינטערעסן, ווי דער געזעץ־פּראָיעקט וועגן איינפירן ליטווישע אונטעררכיכט־שפּראַך אין די יידישע שולן, דער געזעץ־פּראָיעקט וועגן זונטיק־רו, וואָס האָט חרוב געמאַכט די יידישע באַפעלקערונג, וועגן פירן די האַנדלס־ביכער נאָר אין ליטוויש אא"וו.

ווען מען פלעגט אים טעלעגראַפיש פון טעלזש שלעפן צו די זיצונגען פון סיים, פלעגט ער פון טעלזש שטענדיק ענטפערן: "ליידער קען איך ניט קומען".

זיצן ביים טעלזשער רב האָט ער גאַנצע צוויי יאָר געהאַלטן פאַר וויכטיקער ווי זיין אין סיים, ווען מען פלעגט באַהאַנדלען וויכטיקע יידישע פראַגעס.

ווייל "אחדות" איז אַ שונא פון אַ ווערדיקער, אויסגעהאַלטענער יידישער פאָליטיק, ווייל זי רופט צו זינגען מה־יפית פאַר די שונאי־ישראל, ווייל זי איז ניט אַרבעטס־פעיק, ווייל זי מאַכט ספּעקולאַציעס מיט דער חושכדיקער ליטווישער רעאַקציע, ווייל זי איז אַ דם־שונא די יידישע נאַציאָנאַלע רעכט, ווייל זי ברעכט און צעשטערט, ווייל זי וויל אויסנוצן דעם רעליגיעזן געפיל פאַר אירע פינסטערע ענגפאַרטיישע און פּערזענלעכע צוועקן.

אַט דערפאַר האָבן זיך אַלע יידישע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס אָפּגעטרייסלט פון איר.

אַט דערפאַר טאָר קיין איין יידישע שטים ניט אָפּגעגעבן ווערן פאַר די רשימות פון "אחדות", וואָס באַהאַלט זיך הינטער דעם אַזוי גערופענעם "עקאָנאָמיש־רעלי־גיעזן" צעטל.

יידן! שטימט אומעטום פאַרן יידישן פאַראייניקטן דעמאָקראַטישן צעטל!

צענטראַלער וואַל־קאָמיטעט פון פאַראייניקטן

יידישן דעמאָקראַטישן צעטל

8

Lietuvos Rabinų atsišaukimas į Žydus apie Seimo rinkimus

---

בע"ה.

## אַ ברכה!

פון אַלע ליטווישע רבנים צו אַלע ליטווישע יידן!

ונתת את הברכה על הר גריזים
(דברים י"א, כ"ט)

ברידער יידן!

עס שטייען אונדז פאַר די וואַלן צום סיים. אין זייער אויסגאַנג איז תלוי דער גורל פון אונדזערע ברידער אין ליטע אויפן עקאַנאָמישן, רעליגיעזן און אַנדערע געביטן.

אַלזאָ, ליבע ברידער, זאָגן מיר אייך:

בשם ד׳ אלקי ישראל, בשם התורה הקדושה: געבענטשט זאָל זיין דער ייד, געבענטשט זאָל זיין די יידישע פּרוי, געבענטשט זאָלן זייערע קינדער און פאַמיליעס, וועלכע וועלן שטימען פאַר דעם אמת יידישן צעטל, דאָס הייסט, פאַר דעם "עקאַנאָמיש-רעליגיעזן." צעטל.

מיר זאָגן אַבער, אַז דער, וואָס וועט שטימען פאַר דעם אַזוי גערופענעם "דעמאָקראַטישן" צעטל, וועלכער שיקט אין סיים יענע אַלטע דעפּוטאַטן, וועלכע האָבן ביז אַהער געפירט די פאַר יידן אומגליקלעכע פּאָליטיק — דער וואָס וועט געבן זיין שטימע פאַר דעם "דעמאָקראַטישן" צעטל, ברענגט, ח״ו, אויך אויף ווייטער, אומגליק אויף אַלע ליטווישע יידן און אויף זיך אַליין בכלל.

וד׳ ישמרנו מכל רע, יאיר עינינו לראות נכוחה וינחנו בדרך הישרה לאשרנו ולטוב לנו כל הימים.

באנו עה״ח בחדש אייר תרפ״ו

| | |
|---|---|
| אברהם דובער כהנא שפּיראָ | קאָוונאָ |
| אברהם ארי׳ גראָסבאַרד | שירווינט |
| אברהם זאַק | אַלשיאַד |
| אברהם וויטקינד | באַלטרימאַנץ |
| אברהם אבא רעזניק | פּילווישאַק |
| אברהם זאב העלער | זידיק |
| אברהם לעווין | פּאַפּעליאַן |
| אברהם טערנא | יאַשווען |
| אהרון נפתלי יצחק קאָמראַז | אושפּאַל |
| אהרן בענדט שמידט | וויזון |
| אלי׳ שור | אַניקשט |
| אלי׳ מאיר פּייוולזאָן | קופּישאַק |
| אלי׳ אהרן גרין | ווילקאָווישקי |
| אלי׳ פּון | טרישיק |
| אלי׳ פּיין | ווענויאַ |
| אפרים ניסן מה־יפית | פּאַנעמון |
| אפרים קראַוויצקי | לוקניק |
| ארי׳ גערשטיין | לאַזדיי |
| ארי׳ לעוו | אופּינאַ |
| א. עפּשטיין |ווישינטאַ |
| א. י. נאַחומאָווסקי | שאַוול |
| בנימין פּערסקי | קרעטינגאַ |
| בן־ציון לעוויטאַן | שידלעוואַ |



| | |
|---|---|
| בן־ציון זאַקס | נעמאַקשט |
| בן־ציון פרדימאַן | פּיקלען |
| בצלאל כץ | ראַקישאַק |
| בצלאל דזימיטראָווסקי | יאַנישאַק |
| ברוך הלוי הורוויץ | אַלעקשאַט |
| ברוך פּייוולזאָן | מייסאַגאָלע |
| גרשן באָרישניק | פּרען |
| דוב אשר צעכנאָווקי | פּאַקראַי |
| דוב בערגמאַן | סומילישאַק |
| דוב מלמד | צייקישאַק |
| דוד גרשון רובינשטיין | אוזווענט |
| זליג ראובן בענגיס | קאַלוואַריאַ |
| זלמן לעוויטאַס | לינקאָוואַ |
| חיים שם | זאַסלע |
| חיים יצחק קאַרב | זאַגאַר ישן |
| חיים הלוי כץ | פּומפּיאַן |
| חיים שילמאַן | יאַנאָוואַ |
| חיים מאיר פעלדבערג | קראַקי |
| חיים זעליג קאַפּלינסקי | לויקעוואַ |
| חיים לעוו | באַלבירישאַק |
| חיים קליבאַנאָוו |ווענדזיגאָלאַ |
| חיים חאַצקעוויץ | אַבעל |
| טובי׳ שלעזינגער | אַבעל |
| טודרוס לויקשצאַן | ליגום |
| יוסף ליב בלאָך | טעלז |
| יוסף כהנעמאַן | פּאַנעוויעז |
| יוסף גראַז | וואַרזאַן |
| יוסף זאב ממיפּה | מאַזשייק |
| יוסף דוב הענקין | שאַדאָוואַ |
| יוסף יהודה ברוין | שילעל |
| יוסף אַנאַכאָוויץ | שאַקי |
| יהודה יאַבלאָנסקי | אַליטע |
| יעקב שלמה שיין | לאַצקעוואַ |
| י. דימאַנט | יורבורג |
| יעקב ראַפּאַפּאָרט | זיימעל |
| יעקב חיים טערושקין | שקוד |
| יעקב ראָלבע | שאַלאָק |
| יעקב משה לעסין | ניישטאָט־סוגין |
| יעקב משה שמולקער | טראָשקון |
| יצחק אייזיק הירשאָוויץ | ווערזבאָלאָוואַ |
| יצחק לעווין | דאַרביאַן |
| יצחק אַגולניק | פּאַסוואָל |
| יצחק אייזיק שטעמפּנער | לייפּון |
| יצחק גרין | סאַפּיזישקי |
| ירחמיאל ליטווין | לינקעוואַ |
| ישראל גאָלדין | סערהיי |

| | |
|---|---|
| ישראל בענדט פיוולזאן | שוקיאן |
| ישראל בן־ציון גאלדמאן | רומשישאק |
| י. שאפירא | גארזד |
| ליב רובין | ווילקאמיר |
| ליב בערנשטיין | ביהן |
| ליב לאבא | טויראגין |
| לוי שפיץ | פלונגיאן |
| מאיר מץ | גרינקישאק |
| מענדל יוסף קאפלאוויץ | שקאפישאק |
| מרדכי כהן | רודאמין |
| משה מרדכי עפשטיין | סלאבאדקע |
| משה מישל שפירא | ראגאווא |
| משה שפירא | זעזמער |
| משה יצחק וויציק | ראגאלא |
| מ. מאושא | בירזן |
| נחום ברוך גינצבורג | קיבארט |
| נחום ווערבאווסקי | אקמיאן |
| נחום שער | ראזאלין |
| נחום פארטמאן | ניישטאט־שירווינט |
| נתן נטע דוגליאנסקי | ערזווילק |
| ש. י. רבינוביץ | יעלאק |
| קלמן לעווין | גולדעווא |
| ראובן בראז | וויסאקי־דוואר |
| צ. לאבא | פאצינעל |
| שלמה פיינזילבער | קיידאן |
| שלמה פנחס באטניצקי | מאריאמפאל |
| שמואל פאנדילער | ריטעווא |
| שמואל יוסף שהם | ווילקי |
| שמואל יצחק סיגאר | קאמאי |
| שרגא גאווראן | חווידאן |

9

## יידישער רעליגיעז־עקאנאמישער צעטל

| | | |
|---|---|---|
| אין קאוונער, ווילקאווישקער טראקער און שאקיער וואל־ראיאן | פארן | 15 |
| אין אוטיאנער, ווילקאמירער, עזערענער, און ראקישקער וואל־ראיאן | פארן | 11 |
| אין טעלזער, מאזייקער און קרעטינגענער וואל־ראיאן | פארן | 22 |
| אין ראסיינער, טאוריקער און קיידאנער וואל־ראיאן | פארן | 18 |
| אין פאנעוועזער, שאולער און בירזער וואל־ראיאן | פארן | 23 |
| אין מאריאמפאלער, סיינער און אליטער וואל־ראיאן | פארן | 12 |

דרוקעריי ש. יאסעלעוויטש, קאוונע, לוקשיא (ווילקאמירער) גאס 31
S. Joselevičiaus Spaustuve, Kaunas, Lukšio g-vė 31